בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קכ״ז

פרשת נח שנת תשפ״ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

### מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן.

הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, אִיךְ דַאנְק און לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ די זְכִיָּה אַז אִיךְ קֶען מְחַזֵּק אוּנְזֶערֶע טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים, וְכָל הָעוֹסְקִים בְּמַעֲרֶכֶת הַחִינּוּךְ.

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט אַסַאךְ אִין די בְּרִיוְון דֶעם לָשׁוֹן הַמֶּדְרָשׁ (סִפְרִי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): **״אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לִמְחֻזָּקִין״**, דָאס מֶערְסְטֶע חִיזּוּק דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר די וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע; פַאר אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער און בָּחוּרִים, פוּן די יוּנְגְסְטֶע בִּיז די עֶלְטְסְטֶע - דַארְף מֶען גֶעבְּן אַסַאךְ חִיזּוּק.

### דֶער צִיל פוּן אַ חֵדֶר, שׁוּלֶע און יְשִׁיבָה

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן פַארְוָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט די חֵדֶר, לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶעם צִיל פַארְוָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן צוּ עֶפֶענֶען די חֵדֶר. מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט די חֵדֶר צוּלִיבּ אֵיין צִיל: אָנְצוּפִּילֶעווֶען די קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה; אַלֶעס זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אַרוּם אֱמוּנָה - אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער.

אַוַודַאי הָאבְּן מִיר אַ סֵדֶר וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט יֶעדֶע יָארְגַאנְג; אִין די כִּתָּה לֶערְנְט מֶען אוֹיס צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, אִין די כִּתָּה לֶערְנְט מֶען שׁוֹין אוֹיס אַלֶף בֵּית, דָא לֶערְנְט מֶען עִבְרִי, דָא לֶערְנְט מֶען שׁוֹין חוּמָשׁ, דָא לֶערְנְט מֶען אוֹיס רַשִׁ״י אוֹתִיּוֹת, און אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער צוּ מִשְׁנַיּוֹת און גְּמָרָא, אַזוֹי ווִי אִין אַלֶע מוֹסְדוֹת, אָבֶּער דֶער עִיקָר פוּן אַלֶעם וָואס מִיר ווִילְן מִיט אוּנְזֶער חֵדֶר, אִיז אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין די קִינְדֶער אַסַאךְ אַסַאךְ אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווֶעט עֶטְץ פְרֶעגְן: **״פַארְוָואס הָאט מֶען גֶעדַארְפְט עֶפֶענֶען די מוֹסָד? אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת רֶעדְט מֶען דֶען נִישְׁט פוּן אֱמוּנָה?״** דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם אִיז די מַעֲשֶׂה מִיטְן הֵיילִיגְן קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; ווֶען דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ווֶען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער גֶעפְרֶעגְט: **״וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי דַיין רֶבִּי׳ן?״** הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **״אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט״**, הָאט אִים דֶער שְׁוֶוער אוֹיסְגֶעלַאכְט און גֶעזָאגְט: **״דוּ דַארְפְסְט פָארְן צוּ אַ רֶבִּי צוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט? ווֶער ווֵייסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט; אִיךְ ווֶעל אַרַיין רוּפְן די דִינְסְט און אִיךְ ווֶעל אִיר פְרֶעגְן צִי זִי ווֵייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט, ווֶעט זִי אוֹיךְ ווִיסְן״**, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: **״זִי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט, און אִיךְ ווֵייס עֶס, אִיךְ לֶעבּ מִיט דֶעם און אִיךְ שְׁפִּיר עֶס, דָאס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען פוּן מַיין רֶבִּי׳ן!״**

דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ דָא מְחַזֵּק זַיין אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד און אַלֶע וָואס ווֶעלְן הֶערְן אָדֶער לֵיינֶען דֶעם שִׁיעוּר; דֶער צִיל פוּן אַ חֵדֶר, אַ שׁוּלֶע און אַ יְשִׁיבָה אִיז צוּ פְּרֶעדִיגְן אִין די קִינְדֶער: **״אֱמוּנָה! עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער! אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ - עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין די גַאנְצֶע ווֶעלְט!״**

אַז מֶען גִיסְט אַרַיין אִין די קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, גֵייט שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ

### טְרָאסְט דֶעם קִינְד

אַרַיין אִין די קִינְדֶער אַ פַּחַד צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה, און אֱמוּנָה אִין ׳שְׂכַר וְעוֹנֶשׁ׳, וַוייל אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִין די ׳אֱמוּנָה׳, אַז מֶען מֵיינְט חַס וְשָׁלוֹם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט דָא, גֵייט מֶען שְׁטִילֶערְהֵייט צוּ אֵיינֶעמְ׳ס בְּרִיפְקֶעס (טֶעשְׁל) און מֶען גַנְבְ׳עֶט אַרוֹיס אַ נַאשׁ, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, ווִי קֶען מֶען נָאךְ גֵיין גַנְבְ׳עֶנֶען? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ דָא! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט! מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

### ווִי אַזוֹי צוּ פְּרֶעדִיגְן אִין די קִינְדֶער אֱמוּנָה

וַוייזְט פַאר די קִינְדֶער די קַאמֶערֶע וָואס לִיגְט אוֹיבְן אוֹיפְן דַאךְ און זָאגְט זֵיי: **״עֶטְץ זֶעטְס דָא דֶעם קְלֵיינֶעם קַאמֶערֶע אוֹיפְן דַאךְ, דֶער מְנַהֵל קֶען עֶס זֶען אִין זַיין אָפִיס און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען עֶס זֶען אִין זַיין אָפִיס, אוֹיךְ די רֶעגִירוּנְג קֶען דָא אַרַיינְקוּקְן, די זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאלְט עֶטְץ ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט״.**

נָאךְ אַ ווֶעג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרַיין פְּרֶעדִיגְן אִין די קִינְדֶער אֱמוּנָה, אִיז דוּרְךְ רֶעדְן צוּ די קִינְדֶער פוּן ׳תְּפִלָּה׳; די מְלַמְּדִים זָאלְן דֶערְצֵיילְן פַאר די קִינְדֶער ׳מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה׳ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן. אוֹיךְ אִיז גוּט אוֹיבּ מֶען הֶערְט אַ שֵׁיינֶע ׳מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה׳ פוּן אַ קִינְד, מֶען זָאל עֶס אוֹיסְרוּפְן אִין כִּתָּה און אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן מִיט בַּאק צֵיין, **״דֶער אִינְגְל הָאט עֶפֶּעס פַארְלוֹירְן, אָדֶער גֶעדַארְפְט אַן עֵצָה, און עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״**, מֶען פְרֶעגְט דֶעם קִינְד: **״ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?״** און דֶער קִינְד זָאגְט: **״אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט ׳הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ׳״.**

## יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער אִיז אַ נִצְחִיוּת

עֶס קֶען זַיין אַז בִּשְׁעַת מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה זֶעט אוֹיס וִוי דִי קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ, וַוייל זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ, אֵיין קִינְד הַאלְט אִין זַיין הַאנְט אַן אַייזְן אוּן עֶר קְרַאצְט דִי הָאלְץ פוּנֶעם טִישׁ, [מֶען דַארְף אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער אַז זַאכְן וָואס גֶעהֶערְן פַאר דִי מוֹסָד טָאר מֶען נִישְׁט שֶׁעדִיגְן. מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּשֵׁיילְן הָאלְץ פוּן אַ טִישׁ, אוּן וֶוער עֶס וִויל שְׁרַייבְּן זָאל שְׁרַייבְּן אוֹיף פַּאפִּיר אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף קַיין טִישְׁן אָדֶער וֶוענְט]. אַ צְוֵוייטֶער קִינְד הַאלְט אַ רָאבֶּער (גוּמִי) אִין זַיין הַאנְט אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ דֶערְמִיט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן דֶער מְלַמֵד מֵיינְט אַז נָאר דִי דְרֵיי קִינְדֶער וָואס שְׁטֶעקְן אַלְץ אוֹיס זֵייעֶרֶע בַּאקְן פַארְן מְלַמֵד צוּ בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט - זֵיי הֶערְן אוֹיס, מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז 'אַלֶע קִינְדֶער' הֶערְן אוֹיס, אוּן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער אִיז אַ נִצְחִיוּת, וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען דִי אֱמוּנָה וָואס מֶען הָאט אִין זֵיי אַרַיין גֶעלֵייגְט, אַז זֵיי גֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אַנְדֶערְשׁ וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט.

אִיךְ זֶע דָאס בַּיי מַיינֶע קִינְדֶער; אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ, אַלֶע קִינְדֶער מַאכְן סִיוּמִים, אַלֶע קִינְדֶער רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, נָאר מַיינֶע קִינְדֶער נִישְׁט... אַזוֹי וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט אַז דֶער שוּסְטֶער וָואס פַארְרֶעכְט שִׁיךְ - עֶר אַלֵיין גֵייט מִיט צֶערִיסֶענֶע שִׁיךְ... אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי, וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַז עֶפֶּעס פַּאסִירְט מִיט אַ קִינְד, הֶער אִיךְ וִוי דָאס קִינְד גֶעבְּט אַ שְׁרֵיי: **"אוֹי בַּאשֶׁעפֶער"**, **"אִיךְ בֶּעט דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, זֶע אִיךְ פוּן דֶעם אַז אַלֶע דְרָשׁוֹת וָואס זֵיי הֶערְן זִיךְ אוּנְטֶער אוּן זֵיי וַוייזְן נִישְׁט בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה אַרוֹיס קַיין אִינְטֶערֶעסֶע, אִיז אַרַיין אִין זֵיי.

## מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צֶעבְּרֶעכְט נִישְׁט גְלַייךְ דִי לוּחוֹת

אִיךְ וִויל רֶעדְן פוּן נָאךְ אַ נְקוּדָה וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין לֶעצְטְנְס גֶערֶעדְט פוּן דֶעם, אָבֶּער אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעלֶערְנְט אַ מֶדְרָשׁ אִין פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דֶעם עִנְיָן, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ זָאל עֶס נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין. [בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ לֶערְן מֶדְרָשׁ רַבָּה אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס דֶערֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בְּלַאט נָאךְ בְּלַאט אָן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט זֶע אִיךְ מוֹרָא'דִיגֶע שֵׁיינֶע חִיזוּק אִין מֶדְרָשׁ].

דֶער מֶדְרָשׁ (שְׁמוֹת רַבָּה, מו, א) בַּאצִיט זִיךְ אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת לב, ז): **"לֶךְ רֵד כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ"**, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין הִימְל צוּ נֶעמֶען דִי תּוֹרָה, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: **"לֶךְ רֵד"** - גֵיי נִידֶער אַרָאפּ פוּנֶעם בַּארְג, **"כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ"** - וַוייל עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה, דַיין פָאלְק הָאט פַארְדָארְבְּן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַן עֵגֶל, שְׁטֵייט וַוייטֶער (שְׁמוֹת לב, יט): **"וַיְהִי כַּאֲשֶׁר קָרַב אֶל הַמַּחֲנֶה"** - וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען נָאנְט צוּ דִי מַחֲנֶה, **"וַיַּרְא אֶת הָעֵגֶל"** - עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם עֵגֶל, **"וּמְחֹלֹת"** - אוּן דִי טֶענְץ וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט אִין פָארְנְט פוּנֶעם עֵגֶל, **"וַיִּחַר אַף מֹשֶׁה"** - אִיז דִי צָארְן פוּן מֹשֶׁה גֶעוָוארְן אָנְגֶעהִיצְט, **"וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָו אֶת הַלֻּחֹת"** - הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן זַיינֶע הֶענְט דִי לוּחוֹת, **"וַיְשַׁבֵּר אֹתָם תַּחַת הָהָר"** - אוּן עֶר הָאט זֵיי צֶעבְּרָאכְן אוּנְטֶער דֶעם בַּארְג.

מֶען זֶעט אִינֶעם פָּסוּק, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט אַן עֵגֶל, הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט צֶעבְּרָאכְן דִי לוּחוֹת, נָאר וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען נָאנְט צוּ דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט גֶעטַאנְצְט מִיט דִי עֵגֶל אוּן עֶר הָאט אַלֵיינְס גֶעזֶען אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט אַן עֵגֶל - דַאן הָאט עֶר צֶעבְּרָאכְן דִי לוּחוֹת.

פְרֶעגְט דֶער מֶדְרָשׁ, פַארְוָואס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוַוארְט מִיטְן צֶעבְּרֶעכְן דִי לוּחוֹת בִּיז עֶר הָאט אַלֵיינְס גֶעזֶען וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן, הָאט דֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! עֶנְטְפֶערְט דֶער מֶדְרָשׁ, אַוַדַאי הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעגְלֵייבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר אוּנְז מְלַמְדִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, מַשְׁגִּיחִים אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן צוּ טוּן מִיט קִינְדֶער: קוּקְט, אִיךְ צֶעבְּרֶעךְ נִישְׁט קַיין לוּחוֹת, וַוייל אִיךְ וִויל עֶס קוֹדֶם אַלֵיין זֶען אוּן מְבַרֵר זַיין אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן אַזוֹי זָאלְט עֶטְץ טוּן.

## נֶעם נִישְׁט קַיין שְׁרִיט בִּיז דוּ בִּיסְט עֶס אַלֵיינְס מְבַרֵר

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מֶדְרָשׁ פַאר אוּנְז מְלַמְדִים; וֶוען דוּ הֶערְסְט אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף אַ קִינְד, צֶעבְּרֶעךְ נָאכְנִישְׁט קַיין לוּחוֹת; נֶעם נִישְׁט קַיין שְׁרִיט, וַוארְט בִּיז דוּ זֶעסְט אַלֵיינְס דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דוּ בִּיסְט מְבַרֵר אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט.

אַסַאךְ מָאל פַּאסִירְט אַז מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף אַ קִינְד, אוּן מֶען נֶעמְט אִים אַפִּיר פַארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן, מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים אוּן מֶען גֶעבְּט אִים נָאךְ אַ פְּרַאסְק, נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען גֶעוָואוֹיר אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי, דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, אוּן דָאס קִינְד אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג.

מֶען קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ יָחִיד; נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי אַ קִינְד קוּמְט עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן אָדֶער אֲפִילוּ דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער אָדֶער אַ מְלַמֵד קוּמְט דֶערְצֵיילְן אַ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אַ קִינְד, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט גְלֵייבְּן בִּיז מֶען אִיז עֶס אַלֵיינְס מְבַרֵר אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת.

## אוֹיסְהֶערְן אוּן גְלֵייבְּן דֶעם קִינְד

וֶוען מֶען הֶערְט עֶפֶּעס אַ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אַ קִינְד דַארְף מֶען רוּפְן דֶעם קִינְד אִין אַ זַייט אוּן הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן זַיין זַייט. אוּן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם קִינְד קֶען מֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן שְׁרַייעֶן: **"זָאג מִיר דִי מִינוּט וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן!"** וַוייל אוֹיבּ מֶען וַוארְפְט אַ פַּחַד אוֹיפְן קִינְד וֶועט עֶר נָאכְדֶעם נִישְׁט וֶועלְן רֶעדְן, מֶען דַארְף פְרֶעגְן דֶעם קִינְד מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט: **"וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה? לָאמִיר הֶערְן פוּן דִיר וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען, זַיי מוֹדֶה עַל הָאֱמֶת וֶועל אִיךְ דִיר נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן"**. אוֹיבּ דָאס קִינְד פַארְעֶנְטְפֶערְט זִיךְ אָדֶער עֶר זָאגְט אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ, דַארְף מֶען אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן גְלֵייבְּן.

אַסַאךְ מָאל פְרֶעגְן מִיר עֶלְטֶערְן פוּן אוּנְזֶער קְהִילָּה, אַז זֵיי הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּרָאבְּלֶעם מִיט דִי 'סִיוּמִים' וָואס זֵייעֶרֶע קִינְדֶער מַאכְן, וַוייל דִי קִינְדֶער זָאגְן יֶעדְן טָאג אַז זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר תְּהִלִּים אָדֶער מִשְׁנַיוֹת, אוּן זֵיי וֵוייסְן קְלָאר אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז דָאס קִינְד הָאט אַזוֹי שְׁנֶעל גֶעעֶנְדִיגְט. זָאג אִיךְ פַאר דִי עֶלְטֶערְן, וָואס וֶועט גֶעשֶׁען אַז דוּ וֶועסְט וַוייזְן פַאר דַיין קִינְד אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אִים? וַוייז פַאר דַיין קִינְד אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אִים, עֶס קָאסְט דָאךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וָואס דַארְפְסְטוּ גֶעבְּן פַאר דַיין קִינְד אַז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים אָדֶער מִשְׁנַיוֹת? גָארְנִישְׁט! גֶעבּ אִים אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל, אָדֶער דִי נַאשׁ וָואס מֶען גֶעבְּט סֵיי וִוי שַׁבָּת בַּיינַאכְט נָאךְ דִי סְעוּדָה - זָאל עֶר אוֹיסְטֵיילְן! אוּן דָאס קִינְד וֶועט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעטְרָאסְט. [אוּן אַוַדַאי זָאל מֶען זֶען מִיט דִי צַייט אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דֶעם קִינְד מִיט חָכְמָה אַז מֶען דַארְף אַרוֹיס זָאגְן יֶעדֶעס וָוארְט קְלָאר, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט

גֶענוּג בְּלוֹיז צוּ קוּקְן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער, אָדֶער זָאגְן הַאלְבֶּעטֶע וֶוערְטֶער].

אוֹיבּ אַן עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער וֶועט הָאבְּן טַעֲנוֹת: **"פַּארְוָואס יֶענֶער בְּרוּדֶער קֶען אוֹיסְטֵיילְן דִי נַאשׁ, עֶס קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים, אִיךְ זָאג אוֹיךְ תְּהִלִּים אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט"**, זָאגְט מֶען אִים: **"קוּק נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם, דָאס אִיז דַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה** (לְשׁוֹן רַבֵּינוּ בְּסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט' מֵחָכָם וְתַּם)**; דוּ וֶועסְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אוֹיסְטֵיילְן דִי נַאשׁ, וַוייל דוּ הֶעלְפְּסְט זֵייעֶר שֵׁיין".**

מֶען דַארְף אַרוּמְדְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה צוּ גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל פַאר יֶעדְן קִינְד אַז מֶען טְרָאסְט אִים.

## מֶען מוּז זַיין צַייטְלִיךְ

אִיךְ וִויל עֶנְק נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין אוֹיף דֶער עִנְיָן פוּן זַיין צַייטְלִיךְ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז גֶענוּג אַז אִיךְ רֶעד פוּן דֶעם אֵיין מָאל אַ וָואךְ בַּיים שִׁיעוּר, אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ רֶעדְן פוּן דֶעם יֶעדְן טָאג, וַוייל 'זְמַנִים' אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז נַיין אוּן נַיינְצִיג פְּרָאצֶענְט פוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסָד זֶענֶען מְלַמְדִים מִיט אַחְרַיוּת, זֵיי קוּמֶען יֶעדְן טָאג צַייטְלִיךְ [אוֹיסֶער אַמָאל אַמָאל וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַן אוֹנֶס]. אֲפִילוּ עֶס זָאל זַיין אַ הָאגְל, אַ שְׁנֵיי, אַ גְלִיטְשׁ, אָדֶער הִיץ, וֵוייסְט דֶער מְלַמֵד אַז דָאס זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר דַארְף זַיין נַיין אַזֵייגֶער אִין כִּתָּה - אִיז עֶר שׁוֹין צֶען צוּ נַיין אִין כִּתָּה, עֶר קוּקְט אוֹיבּ אַלֶעס אִיז מְסוּדָר, דִי בֶּעזֶעם, דִי שָׁאוְול אוּן דִי טִישְׁן, וַוייל דָאס אִיז דָאךְ זַיין שְׁטוּבּ, זַיין זַאךְ; דֶער מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט זַיין אִין בִּנְיָן צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז דָא אָדֶער נִישְׁט.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַלֶע מַיינֶע יָארְן וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְלַמֵד, מִיר הָאבְּן דָא מְלַמְדִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר אַלְס קִינְד אִין חֵדֶר, קֶען מֶען זֵיי פְּרֶעגְן וֶוען אִיךְ פְלֶעג אָנְקוּמֶען יֶעדְן טָאג; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אִיךְ זָאל קוּמֶען שְׁפֶּעט.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אַרְבֶּעט אִין אַ וֶוערְהַאוּז (מַחְסַן) דַארְף אוֹיךְ קוּמֶען צַייטְלִיךְ, עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ גַנְבְ'עֶנֶען, אוֹיבּ מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט דַארְף מֶען בַּאצָאלְן פַארְן בַּעַל הַבַּיִת, אָבֶּער פַאר אַ מְלַמֵד פוּן קִינְדֶער אִיז עֶס אַסַאךְ הַארְבֶּער, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט צוּרִיק צָאלְן אוֹיבּ מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ)

## אָנְהוֹיבּ טָאג אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע צַייט פוּנֶעם טָאג

דִי עֶרְשְׁטֶע הַאלְבֶּע שָׁעָה פוּן טָאג אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע צַייט פוּנֶעם טָאג, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת צוּ זַיין אָנְהֵייבּ טָאג בַּאצַייטְנְס אִין כִּתָּה. דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר אַלֶע מְלַמְדִים פוּן אַלֶע יָארְגֶענְג, אֲפִילוּ פוּן נוּרְסֶערִי אוּן קִינְדֶערְגַארְטְן.

אוֹיבּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַז מֶען הָאט אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט אוּן מֶען דַארְף פֶעלְן אַ שָׁעָה פוּן חֵדֶר, זָאל מֶען עֶס נִישְׁט בַּאשְׁטִימֶען אוֹיף אָנְהֵייבּ טָאג, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען פְרֶעגְן דֶעם מְנַהֵל אוֹיבּ מֶען קֶען אַוֶועק גֵיין דִי לֶעצְטֶע שָׁעָה פוּן טָאג, וַוייל דִי לֶעצְטֶע שָׁעָה פוּן טָאג אִיז מֶען מֶער וֵוייניגֶער וִוי אַ 'בִּמְקוֹם', מֶען זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער נָאר כְּדֵי אָנְצוּפִילְן דֶעם טָאג. בְּעֶצֶם וָואלְט מֶען שׁוֹין גֶעקֶענְט אַהֵיימְשִׁיקְן דִי קִינְדֶער דְרֵיי אַזֵייגֶער, נָאר מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט אַהֵיימְשִׁיקְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי פְרִי, דַארְף מֶען זֵיי הַאלְטְן אִין חֵדֶר, אָבֶּער מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט גֶעהֶערִיג לֶערְנֶען מִיט זֵיי. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אַהֵיים דְרֵיי אַזֵייגֶער אִיז אוֹיךְ דִי לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע שָׁעָה דִי וֵוייניגְסְטֶע וִויכְטִיג, וַוייל סוֹף טָאג קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט גֶעהֶערִיג לֶערְנֶען.

## אוֹיסְלֶערְנֶען דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער אַז 'אַ אִיד אִיז דַאוֶוענֶען'

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין דִי ווִילְיַאמְסְבּוּרְג'עֶ חֵדֶר אַז דֶער כִּתָּה א' מְלַמֵד לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער עִבְרִי אָנְהוֹיבּ טָאג אוּן נָאכְדֶעם דַאוֶוענְט עֶר מִיט זֵיי, וַוייל דַאוֶוענֶען אִיז גְרִינְגֶער וִוי אוֹיסְלֶערְנֶען עִבְרִי, נֶעמְט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע שָׁעָה וֶוען דִי קָאפּ אַרְבֶּעט גָאר גוּט אוּן נִיצְט עֶס אוֹיף אוֹיסְצוּלֶערְנֶען עִבְרִי, אוּן נָאכְדֶעם דַאוֶוענְט עֶר אוּן זִינְגְט מִיט דִי קִינְדֶער נִיגוּנִים.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע גֶעדַאנְק וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט יוּנְגֶע קִינְדֶער, אָבֶּער מִיט עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען יָא אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיטְן דַאוֶוענֶען, מֶען זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פוּן אַ אִיד אִיז דָאס דַאוֶוענֶען; אַוַודַאי דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט זֵיי גְמָרָא, רַשִׁ"י אוּן תּוֹסְפוֹת, אָבֶּער מֶען דַארְף זֶען אַז וֶוען זֵיי גֵייעֶן זַיין בַּעֲלֵי בַּתִּים, זֵיי גֵייעֶן גֵיין אַרְבֶּעטְן, זָאלְן זֵיי גֶעדֶענְקֶען אַז 'אַ אִיד אִיז דַאוֶוענֶען', דָאס דַארְף זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פוּנֶעם טָאג.

אִיךְ טְרַאכְט אֶפְשָׁר זָאל מֶען אוֹיךְ גֶעבְּן פְרִישְׁטָאג פַאר דִי עֶלְסְטֶע כִּתָּה נָאכְן דַאוֶוענֶען, וַוייל עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ זָאגְן פַאר אַ בָּחוּר פוּן אֵיין מִינוּט אוֹיפְן צְוֵוייטְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַארְן דַאוֶוענֶען, דֶערִיבֶּער אִיז אֶפְשָׁר כְּדַאי מֶען זָאל צוּגֶעוואוֹינֶען דִי קִינְדֶער פַאר זֵייעֶר בַּר מִצְוָה אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט פַארְן דַאוֶוענֶען. אִיךְ זָאג נִישְׁט מֶען זָאל אַזוֹי טוּן, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דֶעם מְנַהֵל זָאל אַרַיין טְרַאכְטְן דֶערִין.

צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק בִּין אִיךְ אַוֶועק גֶעפָארְן אוֹיף שַׁבָּת מִיט אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס הֶעלְפְן מִיר שַׁאפְן גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים, הָאבּ אִיךְ שַׁבָּת צוּפְרִי פַארְן דַאוֶוענֶען גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער גֵייט צוּ צוּ דִי פְּרִידְזְשִׁידֶער, עֶר נֶעמְט אַרוֹיס אַ טְשִׁיז קֶעיק (קֶעז קוּכְן) אוּן הֵייבְּט אָן עֶסְן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט גֶעזֶען אִין מַיין לֶעבְּן; וִוי קֶען מֶען עֶסְן פַארְן דַאוֶוענֶען? אֲפִילוּ קַאוֶוע אִיז אַ גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס אִין דִי פּוֹסְקִים אוֹיבּ מֶען מֶעג טְרִינְקֶען פַארְן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער עֶסְן טָאר מֶען זִיכֶער נִישְׁט! דַאוֶוענֶען דַארְף זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פוּנֶעם טָאג (עַיֵּין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים, סִימָן פט, סְעִיף ג, וּבִבְאֵר הֵיטֵב סְעִיף קָטָן יא), הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט דָאס נִישְׁט אוֹיס פוּן דִי יוּגְנְט קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם בְּלַייבְּן צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם.

## צוּבִּיסְלֶעךְ צוּלֵייגְן שְׁטִיקְלֶעךְ צוּם דַאוֶוענֶען

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּנֶעם דַאוֶוענֶען וִויל אִיךְ בַּאמֶערְקְן, מֶען קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה דִי זֶעלְבֶּע צָאל שְׁטִיקְלֶעךְ דַאוֶוענֶען וִוי מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט אָנְהֵייבּ יָאר; פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה דַארְף מֶען שׁוֹין הָאבְּן צוּגֶעלֵייגְט אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ צוּם דַאוֶוענֶען. דָאס דַאוֶוענֶען מִיט קִינְדֶער אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען שְׁטֶעלְט עֶס אָן אָנְהֵייבּ יָאר אוּן עֶס פָארְט אַזוֹי אַ גַאנְץ יָאר, דָאס אִיז אַרְבֶּעט פַארְן מְלַמֵד, דֶער מְלַמֵד דַארְף צוּלֵייגְן קָאפּ וֶוען עֶר דַארְף צוּלֵייגְן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל צוּם דַאוֶוענֶען.

אִיךְ וִויל דֶער מְנַהֵל זָאל שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז דִי מְלַמְדִים זָאלְן צוּבִּיסְלֶעךְ אַרוֹיפְרוּקְן דָאס דַאוֶוענֶען מִיט נֵייעֶ שְׁטִיקְלֶעךְ, אוּן זֵיי הֶעלְפְן מְסַדֵר זַיין וֶוען מֶען זָאל צוּלֵייגְן צוּ זָאגְן מִיט דִי קִינְדֶער 'הוֹדוּ', קָרְבָּנוֹת אוּן פִּטּוּם הַקְטֹרֶת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין אִינְגְל ווֶעלְן גֵיין אִין מִקְוֶה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן רַאטֶעווֶען מַיין לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, פַּרְנָסָה, דֶרֶךְ הַלִימוּד, חִינוּךְ אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ. אִיךְ ווֵייס יֶעדְן טָאג פוּן לֶעבְּן אַז אוֹיב אִיךְ ווֶעל גֵיין מִיט דִי שֵׂכֶל פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, ווֶעל אִיךְ מַצְלִיחַ זַיין.

מַיין יוּנְגְסְטֶער זוּן גֵייט ווֶערְן דְרֵיי יָאר אִין בְּעֶרֶךְ צְווֵיי חֳדָשִׁים אַרוּם, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן ווֶען אִיז דִי פְרִיעֶסְטֶע עֶלְטֶער ווָאס מֶען קֶען נֶעמֶען אַ קִינְד אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת.

מַיין עֶלְטֶערֶער זוּן גֵייט שׁוֹין ווֶערְן אַכְט יָאר אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעווֶען אִין מִקְוֶה, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר. אִין אָנְהֵייבּ הָאט זִיךְ עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן ווֶען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ דְזְשַׁאבּ ווָאס אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט פְרַייטָאג בִּיז צוּם זְמַן, לְמַעֲשֶׂה הָאט רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה צוּ נֶעמֶען אַ צְווֵייטְן ווָאס זָאל טוּן מַיין אַרְבֶּעט פְרַייטָאג. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט מַיין אַרְבֶּעט, אָבֶּער דִי זַאךְ פוּן נֶעמֶען מַיין זוּן אִין מִקְוֶה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְרָאכְטְן, יֶעדֶע ווָאךְ מִיט אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, עֶר זָאגְט אַז עֶר ווִיל נִישְׁט גֵיין, עֶר זָאגְט אַז עֶפֶּעס בַּאדֶערְט אִים, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווָאס, אַפָּאר מָאל פְרֶעג אִיךְ אִים נִיטְאַמָאל ווַייל אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווָאס אִיךְ זָאל טוּן ווֶען עֶר זָאגְט אַז עֶר ווִיל נִישְׁט גֵיין. אַפָּאר מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ גֵיין שְׁטְרֶענְג, ווֶער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעווֶען אִין מִקְוֶה קֶען נִישְׁט הָאבְּן שַׁבָּת קַיין גְרֶעיפּ דְזְשׁוּס, סָאדֶע אָדֶער נַאשׁ, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין בִּלְבּוּלִים ווָאס דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז ווֶען קִינְדֶער ווֶערְן גְרֶעסֶער קֶען מֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען ווַייל שְׁפֶּעטֶער ווֶעט עֶר נִישְׁט טוּן דִי זַאךְ ווָאס מֶען הָאט אִים גֶעצְווִינְגֶען.

יֶעדְן פְרַייטָאג טְרַאכְט אִיךְ ווָאס פַאר אַ ווֶעג צוּ גֵיין אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט מַחְלִיט זַיין, אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין צוּגֶעזָאגְט אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אוֹיבּ עֶר ווֶעט גֵיין אִין מִקְוֶה, אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאט גָארְנִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט. אִיךְ ווֵייס אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט טוּן בֶּעסֶער, אָבֶּער אִיךְ ווִיל דָאס פַארְרֶעכְטְן, ווִיאַזוֹי זָאל אִיךְ דָאס פַארְרֶעכְטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר ווָאס עֶלְטֶערְן דַארְפְן זִיךְ פַארְלֵייגְן בַּיי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת – אִיז אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז מֶען מוּז פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד בַּיי חִינוּךְ, דָאס דַארְף מֶען טוּן ווֶען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין, בַּיי צְווֵיי יָאר, דְרֵיי יָאר אַלְט – בִּיז דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען זִיךְ אוֹיס צוּ פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן.

רוֹב עֶלְטֶערְן ווֵייסְן דָאס נִישְׁט; מֶען טְרַאכְט נִישְׁט, אָדֶער מֶען ווֵייסְט נִישְׁט, אָדֶער הָאט מֶען נִישְׁט קַיין כֹּחַ, מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער טוּן ווָאס זֵיי ווִילְן, דִי קִינְדֶער ווַאקְסְן אוֹיף אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן שְׁפֶּעטֶער ווֶען זֵיי ווֶערְן עֶלְטֶער קוּמְט אַרוֹיס דִי חוּצְפָּה זֵייעֶר שְׁטַארְק, דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵיי שׁוֹין שְׁווֶער בֵּייגְן צוּם גוּטְן.

יָא מִקְוֶה, נִישְׁט מִקְוֶה – נִישְׁט דָאס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם; מֶען קֶען זָאגְן אַז מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן מֶען קֶען זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אַז דֶער קִינְד ווִיל נִישְׁט גֵיין, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דַיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן ווַאקְסְן גֶעזוּנְט, זֵיי דַארְפְן ווִיסְן אַז אַ טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן יָא אִיז יָא אוּן אַז טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן נֵיין אִיז נֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַארְקֶערְט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, ווִי אַזוֹי זֵיי מְחַנֵךְ זַיין, ווִי אַזוֹי זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן; מִיט תְּפִלָּה ווֶעסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, עֶס ווֶעלְן זִיךְ צִיעֶן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת פוּן דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת קֹרַח תשפ"א)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com


קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספים; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876